בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת ויקרא תשפ"ב
ס"ג מאמר א'

יו"ל פר' ויקרא תשפ"ג



**לזכר נשמת**

**אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,**

**אשר גער בליבותיהן של ישראל**

**רבינו הפני מנחם זצוקללה"ה**

**נתנדב לרגל יומא דהילולא קדישא החל בט"ז אדר**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש

באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש

אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש

מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה

בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8

באר"י - 037680292

אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות

יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"

מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו

של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע

kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (א, א) 'ויקרא אל משה', ברענגט דער **בעל הטורים** א מדרש חז"ל, **אל"ף דויקרא זעירא**, אז וויבאלד משה רבינו איז געווען א גרויסע עניו, **לא רצה לכתוב אלא 'ויקר'** כאילו דער אייבערשטער האט נישט גערעדט מיט איהם נאר אין חלום, **כדרך שנאמר בבלעם** (בלק כג, ד), **כאילו לא נראה לו השם אלא במקרה, ואמר לו הקב"ה לכתוב גם באל"ף** - דער אל"ף פון 'ויקרא' מיט א לשון חיבה, און ווידער האט משה געזאגט צום רבש"ע צוליב דעם וואס ער איז געווען א גרויסע עניו, אז ער וועט עס נישט נאר שרייבען קלענער פון אלע אנדערע אלפי"ן וואס שטייט אין די תורה, **וכתבה קטנה**.

**פרעגט** דערויף דער רבי ר' יהונתן זצ"ל אין **יערות דבש** (ח"ב דרוש יג) אז מ'טרעפט דאך ביי מעמד הר סיני אז ס'שטייט אויך 'ויקרא' (יתרו יט, ג; שם, כ), ומה אולמא הך מהך, פארוואס שטייט נישט דארטען א אל"ף זעירא, און וואס איז דער טעם אז די עניוות פון מרע"ה ווערט מרומז דווקא דא. און ס'איז געזאגט געווארען דערין אסאך תירוצים.

**און** איך האב געזעהן שטיין א תירוץ פון הג"ר **שמואל דוד וואלקין** (דער זוהן פון דער בית אהרן - כתבי אבא מרי פר' ויקרא ונדרים לח.) אז ער ענטפערט דערויף לויט דאס וואס חז"ל זאגען (נדרים לח.) 'אין הקדוש ברוך הוא משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו, וכולן ממשה', דער מדה פון זיין 'עניו' שטייט צום סוף נאכדעם וואס ס'שטייט 'גבור ועשיר וחכם', ערקלערט דער **מהרש"א** (שם) פשט דערפון, און דער **כתב סופר** (אין אונזער פרשה) פארברייטערט דאס מער, אז זיכער געוויס איז די עיקר מעלה וואס א מענטש זאל זוכה זיין צו נבואה איז דורך די מדה פון ענוה, און אזוי אויך ביי משה רבינו ע"ה טוהט איהם די פסוק לויבען דערויף אז ער איז געווען עניו מכל אדם, און דורכדעם האט ער זוכה געווען צו די מדריגה פון נבואה מער וויא אלע אנדערע נביאים, ווייל דערין וויל דער אייבערשטער און

תועבת ה' כל גבה לב. אבער דער וואס איז ארימאן - א עני ואביון, דעמאלט איז פון נאטור אינטערגעטעניגט, און פון וויא זאל ער נעמען זיך גרויס צו האלטען, קומט אויס אז דאס איז נישט די מדת הענוה בשלימות וואס קומט פונדעם וואס א מענטש האלט זיך איין און ער איז כובש דעם יצר, אבער דער וואס פארמאגט פארמעגען, און ער איז ארומגענומען מיט חכמה און ער איז דערויף אויך א גבור, און מיט דעם אלעם איז ער א עניו און א שפל רוח, דאס איז די מדה פון ענוה וואס דער אייבערשטער קלויבט אויס צו רוהען זיין שכינה אויף איהם. און דעריבער האבען חז"ל געזאגט אז 'אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור חכם ועשיר', ווייל מען רעדט פון אזיין איינעם וואס האט די אלע מדות, און פונדעסטוועגען האלט ער זיך קליין און ער איז א עניו. און לויט דעם וועט די שאלה גוט פארענטפערט ווערען, ווייל מרע"ה איז רייך געווארען נאר נאך מתן תורה פון די פסלתן פון די לוחות שניות אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (נדרים שם), און דעריבער דייקא אין פרשת ויקרא וואס משה רבינו איז שוין רייך געווארען, און פונדעסטוועגען האט ער זיך געהאלטען קליין בעניוות, שטייט אל"ף זעירא. עכ"ד.

**עס** איז טאקע דא דערויף א מקור אז דייקא ביי די חשובע מענטשען איז דא די א מעלה אז זיי האלטען זיך קליין בענוה, ווייל מיר זעהן אז אין די תורה איז דא א ספּציעלע באפעהל פאר א קעניג 'לבלתי רום לבבו מאחיו' (שופטים יז, כ), און אזוי אויך טרעפען מיר אין אונזער פרשה אז ס'שטייט (ד, כב) 'אשר נשיא יחטא', און עס איז דא א הוה אמינא אין די גמרא (הוריות י.) אז דאס וואס שטייט 'אשר נשיא יחטא' מיינט אז ס'דא א גזירה אויף איהם אז ער דארף זינדיגען, און אזוי שטייט אין תורת כהנים אויפ'ן פסוק (ד, ג) 'הכהן המשיח יחטא', וואס לכאורה וואס איז די הוה אמינא בכלל אז א נשיא וועט מיזען זינדיגען, נאר דאס איז וויבאלד אז דער נשיא האט אביסעל רוממות, קען ער צוקומען זיך גרויס צו האלטען און זינדיגען חס ושלום (עי' תורה שלמה אות קלג, וראה שולי הגליון ר"ה כו.).

**אבער** מיט דעם אלעם, אין קאצק האט מען אנדערש געטייטשט דער

ענין פון 'ענוה' און 'גאוה'. אזוי וויא עס ווערט פארציילט אז בשעת ווען עס איז געקומען א שליח פון הגאון **רבי שלמה איגר זצ"ל** צו זיכען נאך זיין זוהן הרה"ק **רבי לייבל איגר זי"ע**, האט ער באמערקט פלוצלינג אז ס'ווערט א טימעל דארט אין בית המדרש, און אלע האבען זיך צונויף גענומען נעבען **רבי הערש בער מגרבוביץ זצ"ל** - וואס אין קאצק האט מען איהם גערופען '**הירש בער**', האט דער שליח געפרעגט איינער פון די חסידים ווער איז דער וואס איז יעצט אנגעקומען, צו דען איז ער א 'בר אבהן' און א 'יחסן'?! האט איהם דער חסיד געענפערט אז גראדע שטאמט ער פון פשוטע מענטשען, האט דער שליח ווייטער געפרעגט צו דען איז ער א עשיר?! האט איהם דער חסיד געענפערט אז ניין, ער איז א ארימאן און ער האט נישט ברויט צו עסען, האט דער שליח ווידער געפרעגט צו דען איז ער א תלמיד חכם?! האט איהם דער חסיד געענפערט אז ער קען קוים לערנען א משנה [אזוי וויא ס'איז באוואוסט אז צוליב די קפידא פון דער רבי ר' בונם זי"ע איז איהם צוגענומען געווארען אלע זיינע מדריגות אין תורה], האט זיך דער שליח געוואונדערט און ער האט נישט אפגעלאזט און געפרעגט, אויב אזוי נאך וואס איז דער גרויסע כבוד וואס איך זעה דא, האט איהם דער חסיד געענפערט: **ווייל ער איז א עניו!** האט דער שליח אנגעהויבען צו לאכען און געזאגט: א מענטש וואס איז נישט קיין יחסן און נישט קיין עשיר און נישט קיין למדן, מיט וואס זאל ער זיך גרויס האלטען?! אוודאי איז ער א עניו, האט איהם דער חסיד געזאגט אז ער קען זיך גרויס האלטען פונקט אזוי וויא אלע אנדערע בעלי גאוה האלטען זיך גרויס - מיט וואס זיי האבען נישט. ווייל אין קאצק האט מען געטייטשט, אדרבה, דייקא דער וואס האט נישט קיין שום מעלה - נישט קיין תורה, נישט קיין געלט און נישט קיין יחוס, און פונדעסטוועגען איז ער א עניו, דאס איז א מדריגה. אין קאצק האט מען אנדערש געקוקט אויף ענוה.

**'גאוה'** און 'ענוה' זענען תכונות נפש - נאטורען וואס יעדער מענטש אין וואס פאר א צושטאנד ער זאל זיך נאר געפינען קען דאס האבען, און

אזוי וויא עס ווערט דערציילט אויף **הגאון רבי חיים שמואלביץ זצ"ל** אז איין טאג גייענדיג אויפען וועג צו ישיבה, און ער איז געווען זייער פארטראכט, און ער איז אריבער געגאנגען נעבען א ארבייטער וואס רייניגען די מיסט - עובדי נקיון, וואס איינער פון זיי איז געשטאנען אויפען לאסט מאשין, און די צווייטע ארבייטער איז געווען פארנומען מיט'ן אויסליידעגען די מיסט, און דער ארבייטער האט געמיינט אז רבי חיים קוקט אויף איהם און ער קוקט איהם אן מיט א נידריקייט אז ער גייט צו פוס און ליידיגט אויס די מיסט קאסטענעס, און ווידער זיין חבר שטייט פון אויווען אויפ'ן לאסט מאשין, איז ער צוגעגאנגען צו רבי חיים און ער האט איהם געזאגט מיט א טון פון התנשאות: **'צו דען מיינט דער רבי אז שטענדיג איז אזוי, אז איך געפין מיך פון אינטען און ער איז פון אויווען?! ניין, עס איז נישט שטענדיג אזוי, נאר עס איז דא אמאהל וואס איך געפין מיך אויווען און ער געפינט זיך אינטען'.** נאך דער געשעעניש, האט רבי חיים געגעבען א שמועס אין ישיבה, און ער האט גערעדט וועגען דער נושא פון 'כבוד' און 'גאוה', אז יעדער מענטש וואו ער געפינט זיך נאר, זעהט זיך אלץ א 'חד בדרא', און אפילו די נידריגע ארבייטער - די פחותי דרגה, פונדעסטוועגען האט יעדער איינער ביי זיך אין הארץ א התנשאות (ראה ס' הזכרון להגר"ח שמואלביץ, מח ולב עמ' קכט).

**און** דער ענין ווערט עקלערט אין די גמרא (ברכות נח. ב"ב צא:) **'ומתנשא לכל לראש'** (דהי"א כט, יא) - **'אפילו ריש גרגיתא מן שמיא מנו ליה'**, אפילו די וואס זענען ממונים אויף צו גראבען גריבער זיי אנצופילען מיט וואסער כדי אנצוטרינקען זייערע פעלדער - וואס דאס איז נישט קיין מכובד'יגע מינוי, פונדעסטוועגען משמיא מוקמי לה, און אויב דער מינוי איז פון הימעל - איז שייך דערין התנשאות, ער הייבט אן צו טראכטען אז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה. ס'שטייט אין **ספרים** אז דער נסיון פון גאוה לאזט נישט אפ די מענטש ביז די לעצטע מינוט זיינער פון זיין לעבען, יעדער מענטש איז א אייגענשאפט און ער קלערט אז ער האט א חשיבות וואס א צווייטע האט

נישט, און מיט דעם קען ער צוקומען זיך גרויס צו האלטען אויף א צווייטען, און דאס איז מעגליך אז ס'זאל געשעהן סיי ביי אן ארימאן און סיי ביי א גביר, סיי ביי א הדיוט און סיי ביי א תלמיד חכם, און ביזען לעצטען אטעם דארף מען בעטען 'אל תבואני רגל גאוה' [און אזוי וויא עס ווערט אראפ געברענגט אז דער **אר"י הק'** און דער **בעש"ט זי"ע** האבען געזאגט פאר זייערע פטירה 'אל תבואני רגל גאוה' (עי' נוצר חסד אבות פ"ה מ"ד)].

**נאר** מ'קען זאגען א אנדערע טעם פארוואס דייקא אין אונזער פרשה שטייט 'ויקרא' מיט א אל"ף זעירא, ווייל חומש ויקרא איז דער חומש פון די קרבנות, און אט שטייט אין פסוק (א, ב) **'אדם כי יקריב מכם'**, אז דער עיקר פונעם קרבן איז דאס וואס דער מענטש געבט אוועק פון זיך, דאס איז די אויסגעקליבענע קרבן פאר'ן אייבערשטער, ווייל די קרבן איז נאר א ערזאץ צו דער הקרבה פון דער מענטש אליין (עי' רמב"ן א, ט), אדם כי יקריב 'מכם' - פון דער מענטש אליינט, און אויב דער מענטש האט אפילו נאר א 'סרך' פון גאוה און גרויסקייט - יוהרא, איז ער א בעל מום און ער האט א פעלער, אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (מגילה כט.) 'האי מאן דיהיר - בעל מום הוא', און ער איז פסול לקרבן. און דעריבער דייקא דא שטייט א אל"ף זעירא, אונז אויס צו לערנען אז פאר וואס מען איז מקריב קרבנות בפועל, דארף מען אוועק נעמען יעדער טראפ פון זיך גרויסהאלטען, כדי אז דער מענטש אליינט זאל זיין ראוי להקרבה.

**און** ס'שטייט אין די גמרא (סנהדרין מג:) 'אמר רבי יהושע בן לוי בזמן שבית המקדש קיים אדם מקריב עולה שכר עולה בידו, מנחה שכר מנחה בידו, **אבל מי שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן** שנאמר (תהלים נא, יט) 'זבחי אלקים רוח נשברה' [פירש"י 'זבחי' לשון רבים משמע], ולא עוד אלא שאין תפלתו נמאסת שנאמר (שם) לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה'. און מ'קען מדקדק זיין אינעם לשון הגמרא 'בזמן שבית המקדש קיים אדם מקריב' וכו', וואס פונדעם איז משמע אז נאר בזמן שאין בית המקדש קיים קען זיין 'דעתו שפלה' וואס אויפדעם

איז 'מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן', און לכאורה אויך 'בזמן שבית המקדש היה קיים', איז 'מי שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות'.

**נאר** בזמן שבית המקדש היה קיים, איז אויך דער וואס איז געווען דעתו שפלה, און אויך א ארימאן וואס איז מקריב א מנחה אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (מנחות קד:) **'מי דרכו להתנדב מנחה, עני, אמר הקב"ה מעלה אני עליו כאילו הקריב נפשו'**, אבער ער גייט מיט א געפיהל איך האב עפעס געברענגט און מקריב געווען. און דייקא די חסרון וואס ס'איז פארהאן בזמן שאין בית המקדש קיים - וואס מיר האבען נישט די מעגליכקייט מקריב צו זיין קרבנות, און מיר ווילען און מיר גלוסטען מקריב צו זיין קרבנות, און מיר קומען צו 'שפלות רוח' ווייל מיר ווייסען אז אונזערע זינד האבען דאס צו געברענגט, אזוי וויא מיר זאגען ביים דאווענען 'לפי שחטאנו חרבה עירנו ושמם בית מקדשנו ואין אנחנו יכולים להקריב קרבנות', און 'כל מי שלא נבנה בימיו כאילו נחרב בימיו' (ירושלמי יומא פ"א ה"א), ס'איז אונזער חסרון און אונז זענען שולדיג, און מיר האבען טאקע נישט די מעגליכקייט מקריב צו זיין אפילו א מנחה. אבער דייקא בימינו איז דא דער עכטע און רעכטיגע צובראכנקייט, ווייל מיר האבען אפילו נישט דעם טרייסט - נחמה אז מיר האבען עפעס געברענגט און געטוהן, און כאטשיג קענען מיר זיין 'דעתו שפלה', וואס אויפדעם איז 'מעלה עליו כאילו הקריב כל הקרבנות כולן'.

**און** מיט וואס קען מען זיך גרויס האלטען, צו דען מיט תורה און מצוות?! אט איז דאך אונזער תורה און מצוות לוקים בחסר, און אויב זיך גרויס צו האלטען אויפדעם וואס מען האט זיך דערוויטערט פונעם שלעכטס - אט דאס אויכעט האט מען נישט מקיים געווען אזוי וויא עס דארף צו זיין. און ס'שטייט פון תלמידים פונעם **גרויסען מגיד זי"ע** (עי' קדושת לוי, ועי' זרע קודש) מבאר צו זיין דעם פסוק (ה, יז) **'ואם נפש כי תחטא ועשתה אחת מכל מצות ה' אשר לא תעשינה ולא ידע ואשם ונשא עונו'**, אז אפילו ער מאכט שוין

א מצוה איז עס 'אשר לא תעשינה', אן קיין 'רעותא דלבא', צו דען אזוי ווערט געטוהן א מצוה?! מיט וועלכע פנים און מיט וועלכע געפיהל האט מען מקיים געווען די מצוה, וויא איז די הארץ פון די מצוה?!

**שבת** קודש איז דער צייט וואס א מענטש קען צוקומען צו הכרת החטא און אנערקענען זיין נידריגען צושטאנד און צוקומען זיך קליין צוהאלטען - נמיכות רוח, ווייל ס'שטייט אין תקוני זוהר (תי' ז ותי' ט) **בראשית** - **ירא שבת ירא בשת**, אז א מענטש קען צוקומען שבת זיך צו שעמען אויף וואס ער האט געטוהן, און זיך ערוועקען תשובה צו טוהן. און ס'שטייט פון הרה"ק הרבי **מלובלין זי"ע** (זכרון זאת) אויפ'ן פסוק (ה, כו) **'וכפר עליו הכהן לפני ה' ונסלח לו וגו' לאשמה בה'**, אז איידער מען פארגעבט א מענטש אויף זיינע זינד, שפירט ער נישט אזוי די גרויסקייט פונעם זינד, נאר נאכ'ן כפרה טוהט זיך אפ פון איהם דעם 'מסך המבדיל' און ער ווערט דענענטערט צום אייבערשטען, און ס'איז אין זיינע אויגען א גרויסע זינד, און דאס איז וואס שטייט אין פסוק 'וכפר וגו' ונסלח' - אז דייקא נאכ'ן כפרה ווייסט דער מענטש אז 'לאשמה בה'. און אזוי איז עס אין שבת קודש, אז א מענטש קען צוקומען צו אנערקענען זיין פעלער, און צו שפירען אז ער האט גארנישט, און דאס איז וואס ס'איז מרומז 'לאשמה בה' - ראשי תבות **'לקֵל אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי'** (מאור ושמש בשם הרה"ק רבי מנדל מרימנוב זי"ע), **אבער נישט מיט עצבות, נישט קוקען אויפען פארגאנגענהייט - על העבר, נאר ס'זאל זיין מתוך שמחה און מיט א רצון צו פארעכטען דעם צוקומפט - עתיד, מיט די פנים אויף ווייטער**, ווייל כל עוד וואס דער מענטש לעבט קען ער און ס'ליגט אויף איהם די אויפגאבע צו פארעכטען זיינע מעשים, מיט וואס ער האט און וויפיהל ער האט. און דאס איז וואס דער מלכו של עולם ית"ש בעט און ווארט פון אונז, זאל דער אייבערשטער העלפען מ'זאל איהם קענען רעכטיג דינען.